משמרת השלום
02-5379160



# א גוט ווארט

וואכנ-שריפט פאר קינדער, פון 'משמרת השלום'

נו' 75
פר' נשא
סיון פ"ה

טעמא: אַ וואָרט קען אויסרייסן.

## לאמיר שאפן אַ 'גוטן ענד' פאר די מעשה!

### אַ טעלעפאָן-שמועס

מיט אַ צייט צוריק, האָט אַריינ-געקלינגען צום אָפיס פון משמרת השלום אַ טייערער איד, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס איינער וואָס טוהט אין חינוך, און גיבט זיך אָפּ ספּעציעל, מיט קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון קינדער (בעיות מסובכות).

"איך בין פאַרנומען אין די לעצטע תקופה, מיט אַ ווייטאָגליכע 'פּרשה' פון אַ צען יעריגער אינגל, מיטן נאָמען דודי". האָט ער אָנגעהויבן דערציילן, אַ שרעקליכע מעשה אויף אַ קלוגער אינגל, פול מיט חן, וואָס איז פון קינדווייז אָן געווען אַרומגענומען מיט אַסאַך גוטע חברים.

איינמאָל, ווען ער איז געווען אין צווייטן קלאַס, האָט עפּעס פּאַסירט.

אַלע אינגלעך פון די כּתּה, האָבן געהערט צו אַ געוויסע קהילה. דודי'ס משפּחה, האָט געהערט צו אַ אַנדער קרייז.

וועלכע קרייז? – איך ווייס נישט. אפשר זענען אַלע געווען ספרדי'שע און ער אַ אשכנזי, אפשר אַלע ארץ ישראל'דיגע און ער אַ חוץ לאָרץ'דיגער, אפשר אַלע חסידים פון איין רבי'ן – און זיי, פון אַ אַנדער רבי'ן. נישט משנה. אָבער כּדי מ'זאָל בעסער פאַרשטיין די מעשה, וועל איך למשל זאָגן, אַז אַלע זענען געווען ליטוויש און ער אַ חסיד.

דודי האָט געהאַט געפילן, רעיונות, מחשבות – פּונקט ווי אַלע חברים. ער האָט ליב געהאַט די זעלבע שפּילערייען און מעשה'ס ווי זיי, און איז אויך געווען זעהר וואויל.

וואָס יאָ?

ער איז געווען אַ חסידיש קינד! דאָס אינגאַנצן...

איין טאָג, האָט 'אָנגעכאַפּט' אַ שלעכטע מינוט פאַר עפּעס אַ חבר, וואָס האָט מחליט געווען איהם אָפּ-

צולאַכְן: "דוּדִי חֲסִידִי! וואו אִיז דַיין שְׁטְרַיימְל?"

הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ חֲסִידִישׁ'ן נִיגוּן. חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ צוּשְׁמֵייכְלְט, דוּדִי הָאט זִיךְ פַארשֶׁעמְט אוּן אִיז אַוֶועק.

אוֹיף צוּמָארְגְנְס הָאט דֶער חָבֵר ווִידֶער נָאכְגֶעמַאכְט אַ חַסִידִישׁ קוֹל: "דוּדִי חֲסִידִי, גֵיי אַרוֹיס!" - הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן הוֹיעֶך...



ס'זֶענֶען אַרִיבֶּער אַפָּאר טֶעג, אוּן דֶער נַייעֶר צוּ-נָאמֶען "דוּדִי חֲסִידִי" הָאט זִיךְ צוּגֶעקְלֶעפְּט צוּ אִיהְם. חֲבֵרִים הָאבְּן אִיהְם אָנְגֶעהוֹיבְּן רוּפְן אַזוֹי, אוּן מִיט אַ גֶעווִיסֶע מַנְגִינָה.

## אַ גֶעפְּרֶעסְטֶער אִינְגְל.

ס'אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאהר. דוּדִי אִיז גֶעוָוארְן טְרוֹיעֶרְדִיגֶער אוּן טְרוֹיעֶרְדִיגֶער. ס'הָאט גֶעדוֹיעֶרְט אַסַאךְ צַייט בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶפֶנְט זַיין הַארְץ אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַז עֶר לַיידְט אִין חֵיידֶער; אַז חֲבֵרִים פַּיינִיגְן אִיהְם!...

"דֶערְשְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט". הָאט זַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט "מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהן" הָאט זַיין מַאמֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט. "אַ רַחְמָנוּת אוֹיף קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט שֵׂכֶל, אוּן טְשֶׁעפֶּען אָן אַ סִיבָּה, אַזַא זִיסֶער אִינְגְל ווִי דִיר" הָאבְּן בֵּיידֶע רֶעאַגִירְט.

אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן. דוּדִי הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ לַיידְן. אִין אָנְהֵייבּ הָאט עֶר טַאקֶע גֶעבֶּעטְן בַּיי זֵיי, צוּ אוֹיפְהֶערְן טְשֶׁעפֶּען. עֶרְקְלֶערְט אַז חֲסִידִים זֶענֶען וואוֹילֶע אִידְן. שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר זֵיי אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אַז יֶעדֶער קִינְד דַארְף גֵיין אִין זַיינֶע עֶלְטֶערְנְ'ס וֶועגְן. אָבֶער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט דֶערְהֶערְט, אוּן מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ אִיהְם מַשְׁפִּיל זַיין, אָן רַחְמָנוּת.

אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע יָאהר. דוּדִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָן חֲבֵרִים; עֶר אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי. זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם. אוּן אַיין טָאג הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט גְרוֹיס וֵוייטָאג:

"אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט צוּרִיק אִין חֵיידֶער"!-!-!---

דַאמָאלְס - הָאט דֶער יוֹעֵץ מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען - הָאבְּן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן גֶעווֶענְדֶעט צוּ מִיר.

"דִי מַעֲשֶׂה אִיז גָארְנִישְׁט פָּשׁוּט" הָאט עֶר אוּנְז מְשַׁתֵּף גֶעוֶוען מִיט טְרוֹיעֶר. "דוּדִי וֶועט מִסְתָּמֵא אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ אַ אַנְדֶער חֵיידֶער. אָבֶער צוּ וֶועלְכֶע? אִין זַייעֶר גֶעגֶנְד אִיז בִּכְלָל נִישְׁטָא קַיין חַסִידִ'ישֶׁע חֵיידֶער, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין טֶענְדֶער'ס צוּ אַנְדֶערֶע גֶעגֶנְד'ן. אוּן עֶרְגֶער פוּן אַלֶעס אִיז, נִישְׁט דִי וַוייטְקַייט פוּן חֵיידֶער, נָאר דוּדִי אַלֵיין; עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרְדִיג, אוּן גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין חֲבֵרִים! עֶר הָאט מוֹרָא צוּ אָנְהֵייבְּן אַ 'נַייעֶ בְּלַאט אִין לֶעבְּן'. ס'אִיז פָּשׁוּט שְׁרֶעקְלִיךְ!!!

**אַ חִידָה בְּמִידָה**

וָואכְנְטְלִיכֶע רֶעטֶענִישׁ, אוֹיף מִידוֹת אוּן שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן

## חִידָה:

**תַּלְמִידִים, מִיט 'עֵינַיִים טוֹבוֹת' מְ'לֵיינְט אוֹיף זֵיי אִין פִּרְקֵי אָבוֹת אַ נִידְרִיגֶע גַייסְט, עֲנָוָה מִיט חֵן. זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען, שְׁטְרֶעבְּן אַזוֹי צוּ זַיין.**

**אַזוֹי ווִי וֶועלְכֶע תַּלְמִידִים?**

## וָואס הָאט עֶס מִיט אוּנְז?

דֶער סֶעקְרֶעטָאר פוּן מִשְׁמֶרֶת הַשָּׁלוֹם הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט שׁוֹידֶערְלִיכֶע גֶעפִילְן, און נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, וָואס דָאס הָאט מִיט אִיהְם.

"וָואס הֵייסְט וָואס?" הָאט זִיךְ יֶענֶער גֶעקְרֶעכְצֶעט. "אָט דִי מַעֲשֶׂה אִיז דֶען אַ 'בֶּן יָחִיד'? אִיהר הָאט אַ הַאנְהוּנְג וִויפְל אַזֶעלְכֶע מעשה'ס גֶעשֶׁעהן נֶעבֶּעךְ? קִינְדֶער טְשֶׁעפֶּען, ס'הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט, מִיט אַ מָאדְנֶע קְרוּם, אָדֶער מִיט אַ וֶוערְטְל - זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וִוי אַזוֹי מ'קֶען חָרוּב מַאכְן וֶועלְטְן מִיט דֶעם!!!... ס'זֶענֶען נֶעבֶּעךְ דָא אִינְגְלֶעךְ און מֵיידְלֶעךְ וָואס וֶוען זֵיי פַארְלִירְן זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים אָדֶער חַבֶר'טֶעס - גֵייעֶן זֵיי זִיךְ זוּכְן אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים, נִישְׁט דַוְוקא עֶרְלִיכֶע. רַחֲמָנָא לִיצְלָן!!! און וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אִין דֶעם???

"אִיךְ בֶּעט אַייךְ!" הָאט זַיין הַארְץ גֶעשְׁרִיגְן "שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם עִנְיָן אִין אַייעֶרֶע שְׁרִיפְטְן! עֶרְוֶועקְט הֶערְצֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער! דֶערְצֵיילְט זֵיי וָואס וֶוערְטֶער קֶענֶען טוּהן! וִוי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען קַאלְיֶע מַאכְן!!! און אוֹיבּ לְמָשָׁל אִיז אַ קִינְד אַ אַשְׁכְּנַזִי, אָדֶער סְפָרַדִי; אַ דַארֶער אָדֶער דִיקֶער; מְסוּדֶר'דִיגֶער אָדֶער צוּפְלוֹיגֶענֶער - צוּלִיבּ דֶעם מֶעג מֶען אִיהְם טְשֶׁעפֶּען???"

•

דֶ ע רְ פַ א ר

דֶערְצֵיילְן מִיר טַאקֶע דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה.

רִיכְטִיג. נִישְׁט אִיךְ און נִישְׁט אַייךְ, וֵוייסְן פוּן וֶועמֶען מ'רֶעדְט. וַוייל דִי פְּרָטִים אִין מַעֲשֶׂה הָאט מֶען שְׁטַארְק גֶעעֶנְדֶערְט.

אָבֶער וִויבַּאלְד עֶס פַּאסִירְן לֵיידֶער אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט מַעֲשֶׂה'ס, דֶערְפַאר קוּמְט לָאמִיר אַלֶע אִין אֵיינֶעם מַחְלִיט זַיין, **אַז מֶען שְׁטֶעלְט צוּ דֶעם אַ סוֹף!**

אַ עֶק צוּ אִידִישֶׁע לַיידְן און פַּיין. מִיר גֵייעֶן אָפְּשְׁטֶעלְן אַזֶעלְכֶע מַעֲשֶׂה'ס נָאךְ אֵיידֶער זֵיי הֵייבְּן זִיךְ אָן---

**רָגַע!**

**אִיךְ פַארְשְׁטֵיי שׁוֹין, אַז אוּנְזֶערֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען נִישְׁט 'סְתַּם וֶוערְטֶער'. זֵיי קֶענֶען חָלִילָה וְחַס אוֹיסְרַייסְן טַייעֶרֶע זַאכְן!... צוּ קֶענֶען זֵיי אוֹיךְ אוֹיפְטוּהן?**

**אוֹיף דֶעם וֶועלְן מִיר אי"ה רֶעדְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.**

**דֶערְוַוייל טְרַאכְט אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֵיינְט!**

**אַ גוּט שַׁבָּת - מְשׁוּלֶם.**

# שו"ת משולם

### אַ הֲלָכָה צוּם שַׁבָּת טִישׁ




צו צושליסן נאך מוסדות, צום פראגראם חברים: פעקס: 02-6506107 מייל: t025379160@gmail.com
צו אנטייל נעמען און צושפרייטן דעם וואכנשריפט: 1800-800-779

# געהיימניסן, ביים
# באָדן פון לעבן

געשריבן: ש. רוזנשטיין | געמאָלן: יוספי יוסף

**אין קורצן פון פריער:** ביים מעמד הנחת אבן הפינה פאַרן חיידער, פּראָבירט צ׳יטה אײַנרעדן משולם, צו רעדן לשון הרע. משולם שײַנט אויף איהם מיטן לעמפּל, און ער אַנטלויפט.




צו צושפּרייטן דעם וואכנשריפט אין שוהל׳ן, פאר א מינימאלישן פרייז קלינגט 02-5379160 דריקט 0

איהר ווילט הערן אַביסל מער, אויף משולם מיט זײַנע חברים, און אויף דעם יצר הרע׳ס, מסוכנ׳דיגע סאָלדאַטן? **קלינגט אַריין צום חברים-ליין: 0723372212 דריקט 394**